בס"ד

# פרדי"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

## פרשת שמות תשע"ח

## גליון 439 [שנה י']

**דרוש- וואס מיינט שנתחדשו גזירותיו, וועלכע אלטע גזירות?**

וַיָּקָם מֶלֶךְ־חָדָשׁ עַל־מִצְרָיִם: (א ח) זאגט רש"י שנתחדשו גזרותיו (סוטה יא א), פרעגט דער בֶּן לְאַשְׁרִי ביז יעצט איז דאך נישט געווען קיין גזירה וואלט געדארפט שטיין ער האט געמאכט א נייע גזירה און נישט קיין אלטע גזירה? אויך שטייט אין מדרש (ויקרא לג ב) א פליאה! וַיָּקָם מֶלֶךְ־חָדָשׁ כְּבַעַל חוֹב וּשְׁטַר חוֹב בְּיָדוֹ, ער האט געהאט א שְׁטַר חוֹב אויף די אידן, וועלכע שְׁטַר חוֹב? נאר עס שטייט אז די שְׁטַר חוֹב איז געווען סדר בראשית וואס שטייט אז די אידן וועלן זיין משועבד צו מצרים, כִּי גֵר יִהְיֶה זַרְעֲךָ בְּאֶרֶץ לֹא לָהֶם, אבער ווען די ברידער זענען געקומען קיין מצרים האט פרעה געזאגט צו יוסף וְשַׂמְתָּם שָׂרֵי מִקְנֶה (בראשית מז ו) און ווען פרעה מאכט זיי שָׂרִים, קומט אויס אז ער האט זיי מוֹחל געווען אויפן שיעבוד, און עס איז געפסק'נט אין שו"ע (חו"מ יב סעיף ח) אז א מחילה איז חַל אפילו אָן א קנין? נאר די סמ"ע איז מפרש דארטן אז מחילה העלפט נאר ווען מען האט נישט א שְׁטַר אבער אויב מען האט נאך דעם שְׁטַר העלפט נישט מחילה נאר מיט א קנין: מיט דעם איז גוט דער מדרש, וַיָּקָם מֶלֶךְ־חָדָשׁ, שחידש גזירותיו, איז דאך שווער אז פרעה האט זיי דאך מוחל געווען דעם שיעבוד, איז ווי אזוי קען ער מחדש זיין די גזירה פון שיעבוד? דעריבער זאגט דער מדרש כבעל חוב ושטר חוב בידו, דער יָדֹעַ תֵּדַע כִּי גֵר יִהְיֶה זַרְעֲךָ בְּאֶרֶץ לֹא לָהֶם, איז א שטר חוב, איי ער האט זיי מוחל געווען ווען ער האט געזאגט צו יוסף וְשַׂמְתָּם שָׂרֵי מִקְנֶה און מחילה דארף נישט א קנין, איז דער תירוץ, שְׁטַר חוֹב בידו, און ווען די שְׁטַר חוֹב איז דא העלפט נישט מחילה נאר מיט א קנין, דעריבער איז גוט נתחדשו גזירותיו.
(כסף נבחר הר' אבי עזרי זעליג מרגליות אב"ד קאליש אמ"ד תע"ב)

**פארוואס שטייט נישט ווער זענען געווען די עלטערן פון משה?**

וַיֵּלֶךְ אִישׁ מִבֵּית לֵוִי וַיִּקַּח אֶת־בַּת־לֵוִי: (ב א) פרעגט דער אלשיך הק' פארוואס האט די תורה פארהוילן די נעמען פון משה'ס טאטע און מאמע? נאר דער של"ה הק' ברענגט א דרשות הר"ן דער טעם פארוואס משה רבינו איז געווען א כְּבַד־פֶּה? וועגן די מענטשן פון שפעטערדיגע דורות זאלן נישט זאגן אז זיי קענען נישט אנהאלטן די עול התורה ווייל פארוואס זייערע עלטערן האבן מקבל געווען די תורה איז נאר ווייל משה רבינו איז געווען א גוטע רעדנער און ער האט זיי משכנע געווען מיט זיסע רייד, דעריבער האט דער אויבערשטער געמאכט משה רבינו א כְּבַד־פֶּה אפווארפן די פאלשע טענה, דאס זעלבע בחינה קען מען זאגן אויב די תורה וואלט מגלה געווען ווער זענען די עלטערן פון משה וועלן די דורות זאגן ווי קענען אונז זיך צו גלייכן צו משה רבינו א זון פון עמרם און יוכבד! דעריבער שטייט נישט זייערע נעמען צו ווייזן אז משה רבינו איז צוגעקומען צו די העכסטע מדריגות פון זיין אייגענע עבודה, און יעדער איד קען צו קומען צו הויכע מדריגות אויב ער טוט וועגן דעם.
(בן לאשרי– המקובל מרעננה ר' יצחק הוברמן– תלמיד שם משמואל סאכאטשוב)

**וואס איז געווען די טענה מִי שָׂמְךָ לְאִישׁ?**

וַיֹּאמֶר מִי שָׂמְךָ לְאִישׁ שַׂר וְשֹׁפֵט עָלֵינוּ: (ב יד) שטייט אין מדרש (שמו"ר א לה) מִי שָׂמְךָ לְאִישׁ שַׂר וְשֹׁפֵט עָלֵינוּ: וְכִי בֶּן בַּתְיָה אַתָּה, והלא בְּנָהּ של יוכבד אַתָּה, איז שווער און ווען ער איז דער זון פון יוכבד קען ער נישט זיין א שַׂר וְשֹׁפֵט? נאר עס שטייט אין ירושלמי (שקלים פ"ו ה"א און הוריות פ"ג ה"ב) אויפן פסוק וּבָאתָ אֶל־הַכֹּהֲנִים הַלְוִיִּם וְאֶל־הַשֹּׁפֵט אֲשֶׁר יִהְיֶה בַּיָּמִים הָהֵם: (דברים יז ט) בזמן שהוא כהן אין שופט, ובזמן שהוא שופט אין כהן, דאס מיינט אויב איינער איז א כהן קען ער נישט זיין א שוֹפט, און די גמ' (סוטה יא.) שטייט וַיַּעַשׂ לָהֶם בָּתִּים וואס מיינט לשון רבים? בָּתֵּי כְהוּנָּה וּבָתֵּי מַלְכוּת, בָּתֵּי כְהוּנָּה פון יוכבד און בָּתֵּי מַלְכוּת פון מִרְיָם, ממילא איז דער מדרש הַפֶּלֶא: ווייל א בֶּן מלך קען יא זיין א שַׂר וְשֹׁפֵט דעריבער האט ער געפרעגט פאר משה וְכִי בֶּן בַּתְיָה אַתָּה? ביזטו דען א בן מלך וואס דו ווערסט א שַׂר וְשֹׁפֵט אויף אונז, ביזט דאך דער זון פון יוכבד וואס איז כהונה, און א כהן קען נישט זיין א שופט ממילא מִי שָׂמְךָ לְאִישׁ שַׂר וְשֹׁפֵט עָלֵינוּ. (כסף נבחר ר' אבי עזרי זעליג מרגליות)

**פארוואס האט דער אויבערשטער געהעסן נוצן דער שֵׁם אֶהְיֶ'**

וְאָמְרוּ־לִי מַה־שְּׁמוֹ מָה אֹמַר אֲלֵהֶם: וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים אֶל־מֹשֶׁה אֶהְיֶ' אֲשֶׁר אֶהְיֶ' וַיֹּאמֶר כֹּה תֹאמַר לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶהְיֶ' שְׁלָחַנִי אֲלֵיכֶם: (ג יג–יד) פארוואס וואלט משה נישט געקענט ענטפערן די אידן אז אֱלֹקִים האט מיר געשיקט אז דער אויבערשטער נוצט דער שם אהי'? נאר מורי הגאון ר' ישראל דרשן האט געענטפערט לויט וואס עס שטייט אין רבינו בחיי (שמות ד י) אז משה איז געווען א כְּבַד־פֶּה און א כְּבַד לָשׁוֹן: און דער חילוק פון זיי זענען: א כְּבַד־פֶּה קען נישט זאגן די אותיות זשסר"ץ און א כְּבַד לָשׁוֹן קען נישט זאגן די אותיות דטלנ"ת, ממילא די אלע נעמען פון אויבערשטן – הוי', אלקים, אדנ'– האט איינער פון די צען אותיות חוץ פון דער שם אהי' האט נישט די אותיות, דעריבער ווען משה האט געזאגט צום אויבערשטן כִּי כְבַד־פֶּה וּכְבַד לָשׁוֹן אָנֹכִי: אז ער קען נישט ארויסזאגן די נעמען פון אויבערשטן וועגן די אותיות, וַיֹּאמֶר האט דער אויבערשטער געענטפערט: כֹּה תֹאמַר לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל **אֶהְיֶ'** שְׁלָחַנִי אֲלֵיכֶם: און דער שֵׁם וועסטו יא קענען זאגן אפילו דו ביזט א כְּבַד־פֶּה און א כְּבַד לָשׁוֹן. (כסף נבחר)

**וואו זעהט מען אז אהרן איז געווען א שליח פאר כלל ישראל?**

וַיֹּאמֶר בִּי אֲד–נָי שְׁלַח־נָא בְּיַד־תִּשְׁלָח: וַיִּחַר־אַף ה' בְּמֹשֶׁה וַיֹּאמֶר הֲלֹא אַהֲרֹן אָחִיךָ הַלֵּוִי יָדַעְתִּי כִּי־דַבֵּר יְדַבֵּר הוּא: (ד יג–יד) דארף מען פארשטיין וואס איז געווען די וויכוח פון משה מיטן אויבערשטן? און בפרט אז יעדן דיבור פון אויבערשטן און פון א צדיק ווי משה ווערן מקויים און ווען משה זאגט שְׁלַח־נָא בְּיַד־תִּשְׁלָח וואס דאס מיינט אהרן, איז שווער וואו זעט מען אז אהרן האט אריינגעברענגט די אידן קיין ארץ ישראל? נאר דער הייליגער חיד"א (פני דוד דברים אות ה) ברענגט פון דער גרויסע מקובל הר' משה זַכוּתָא– דער רַמַ"ז, אז אהרן הכהן איז שפעטער נתגלגל געווארן אין עֶזְרָא וואס ער האט אריין געברענגט די אידן קיין ארץ ישראל נאך די זיבעציג יאר פון גלות בָּבֶל, ממילא איז נתקיים געווארן די הייליגע רייד פון משה, שְׁלַח־נָא בְּיַד־תִּשְׁלָח, אז אהרן זאל אריין ברענגען די אידן קיין א"י און דער אויבערשטער האט מסכים געווען און געזאגט יָדַעְתִּי איך ווייס כִּי־דַבֵּר יְדַבֵּר הוּא, דאס מיינט שְׁלַח־נָא בְּיַד־תִּשְׁלָח אז אהרן אליין וועט זיין דער שליח ביי א צווייטע גאולה, דַבֵּר יְדַבֵּר הוּא וואס דַבֵּר שטייט אין גמ' (סנהדרין ח א) איז א לשון פון א מנהיג, איז טאקע מקויים געווארן די רייד פון אויבערשטן און פון משה. (בן לאשרי מרעננה ר' יצחק הוברמן)

והנני מוסר עוד מודעה שהחלטתי להתפלל בלי נדר בכל יום על כל אלה שיעיינו בספר ויגידו בשמי דברי תורה לאחרים שיוושעו מכל צרה שצריכים ישועה בעולם הזה ובעולם הבא. יארצייט י"ג טבת

## מדור העובדות

## דער הייליגער רבי פון הוסיאטין פראוועט א שידוך פאר א עלטערער בחור

עס איז געווען א בחור פון א חסידישע שטוב וואס האט געהייסן אשר זעליג, ער איז געווען א פיינער בחור און א בן תורה. עס איז אים נישט געגאנגען קיין שידוכים און די צייט האט זיך גערוקט און ער איז געווארן עלטער און האט אפגעהאלטן א באַן און מען ווייסט נישט וואס צו טאן. זיי האבן געוואוינט אין תל אביב און דעמאלט איז שוין געווען אסאך רבי'ס וואס האבן דארטן געוואוינט.

זייענדיג פון די ריזינער חסידים זענען די עלטערן כסדר געגאנגען מזכיר זיין זייער זון אשר זעליג פאר די צדיקים און געגעבן א קוויטל און פדיון און זיי האבן אלע געגעבן ברכות פאר א זיווג הגון אבער די צייט איז נאך נישט אנגעקומען. איינער פון די צדיקים האט געהייסן מען זאל טאן מער השתדלות און גיין צו מערערע שדכנים און אזוי וועט מען טרעפן א שידוך.

וואס עלטער מען ווערט באקומט מען א מיינונג אז מען פארשטייט אלעם און די שדכנים האבן אנגעטראגן שידוכים אבער גארנישט איז געווען פאסיג פאר אשר זעליג און אזוי איז געווארן אז אלע שדכנים האבן אויפגעהערט צו ברענגען שידוכים פאר אשר זעליג! זיין טאטע איז געגאנגען צו אשר זעליג'ס חבר פון ישיבה וואס האט שוין געהאט א בר מצוה בחור און געבעטן ער זאל זיך דורך רעדן מיט אשר זעליג און ער האט מסכים געווען.

זיין חבר האט זיך געטראפן מיט אשר זעליג און אים געפרעגט פארוואס עס גייט נישט קיין שידוכים? האט אשר זעליג געזאגט אז קיין שידוך האט אים נישט געצויגן איז דאס א סימן אז זיין ריכטיגן שידוך איז נאך נישט אנגעקומען! אזוי רעדענדיג איז איינגעפאלן פארן חבר א געלונגענעם שידוך פאר אשר זעליג. אויך א מיידל אין די יארן און אשר זעליג האט געהערט און געזאגט גראדע דעם שידוך געפעלט מיר און עס ציהט מיר און וויל הערן.

זיין חבר האט איבערגעגעבן די גוטע נייעס פאר אשר זעליג'ס טאטע וואס האט אים געדאנקט און מען האט זיך נאכגעפרעגט אויף די שידוך און מען האט געהערט גוטע גריסן און געזאגט פארן חבר ער זאל טאן אים דעם שידוך. אלעם איז געגאנגען פיין און וואויל און מען דארף ענטפערן א תשובה. אשר זעליג'ס עלטערן האבן זיך שוין געפריידט אז סוף סוף ווערט אשר זעליג א חתן און אזוי וועט זיך רוקן די באַן מיט שידוכים פאר די אנדערע קינדער.

ווען דער טאטע פרעגט אשר זעליג צו מען קען שליסן דעם שידוך האט ער געענטפערט אז היות ער איז נאנט צום הייליגן צדיק ר' ישראל פון הוסיאטין, פילט ער אז ער דארף זיך דורך רעדן מיט אים און בעטן זיין הסכמה און ברכה אויפן שידוך. דאס איז געווען בין כֶּסֶה לעשור תשרי תש"ט, דער לעצטער יאר פון צדיק און זייענדיג שוואך און נישט געזונט האבן די דאקטוירים געוואלט אז דער רבי זאל זיין אין ירושלים וואס איז אסאך קילער און בעסערע לופט ווי פון תל אביב, אבער ווי באקאנט אז יענע צייט איז געווען שווערע צייטן אין ארץ ישראל פון די אראבער און צו גיין קיין ירושלים איז געווען א סכנה איז ער געווען דעמאלטס ביי די מרגליות משפחה וואס האבן געוואוינט אויפן בארג פון פסגת הר שלום לעבן בני ברק וואס האט געהאט די זעלבע לופט פון ירושלים.

אשר זעליג פארט אריבער פון תל אביב און קומט אן ביים הויז פון מרגליות און ר' מרגליות פירט אים צום הייליגן צדיק וואס איז געזעצן אויפן באלקאן און געלערנט. אשר זעליג איז צוגעגאנגען צום רבין מיט א יראת הכבוד און לייגט אוועק זיין קוויטל וואס ער פרעגט צו דער רבי איז מסכים צום שידוך און אשר זעליג ציטערט פון דעם צורה פון הייליגן צדיק דער רבי ליינט דאס נאכאמאל און נאכאמאל און אשר זעליג ווארט, אבער דער רבי ווינטשט אים אן א גמר חתימה טובה און און א גוט געבענטשט יאר!

אשר זעליג איז אין א שָאק און פרעגט דער רבין אבער וואס איז מיטן שידוך? ענטפערט אים דער רבין עס איז נאך נישט געקומען דיין ריכטיגן שידוך. דער רבי בלייבט שטיל און אשר זעליג פארשטייט אז דער רבי וויל אים נאך עפעס זאגן. און נאך אפאר מינוט רופט זיך אן דער צדיק אז דעם יאר וועסטו געהאלפן ווערן בעזה"י, דער שידוך וועט זיין פון באקאנטע פוןביידע משפחות, וואס זי איז א פוילישע. און דער צדיק רוקט אוועק פון זיך דעם קוויטל וואס דאס איז געווען דער סימן אז אשר זעליג קען שוין גיין.

אשר זעליג איז צופרידן אז ער האט שוין א צוזאג אבער ער איז צומישט! ער גייט אויף צוריקוועג'ס פון צדיק און ער שטייט ביים טיר און דער רבי רופט אים צוריק. אשר זעליג גייט שנעל צום רבין וואס זאגט אים: אבער זאלסט געדענקען אז דער מיידל וואוינט אין ארץ ישראל! אשר זעליג קומט אהיים און דערציילט זיינע עלטערן וואס איז פארגעקומען ביים צדיק.

עס איז שוין אריבער די ימים טובים און די ביטערע בשורה איז אנגעקומען כ"ט כסלו -דעם פינפטן ליכטל פון חנוכה- אז דער הוסיאטינער צדיק איז נפטר געווארן. ומנו"כ אין טבריה לעבן די תלמידי בעש"ט. און אין חודש טבת האט מען אנגעטראגן א שידוך, א מיידל וואס איז געווען א פוילישע און דארטן געוואוינט, און די משפחות האבן זיך געקענט נאך פון פארן די מלחמה און מען פריידט זיך אז דאס איז דער שידוך! אבער די ווערטער פון צדיק איז געווען אז די מיידל וואוינט אין ארץ ישראל, האט אוועק געשטופט דעם שידוך. אשר זעליג פארשטייט די פֵּיין פון זיינע עלטערן אבער ער האט געהערט קלארע דיבורים פון צדיק אז די מיידל וועט וואוינען אין ארץ ישראל!

עס איז אריבער א פאר וואכן און א שדכן האט אנגעטראגן א מיידל א פוילישע פון א באקאנטע משפחה וואס האבן נישט לאנג צוריק אנגעקומען און מען האט זיך געטראפן און דער שידוך איז געשלאסן געווארן בשעה טובה ומוצלחת. נאך אלעם האט מען געזען פארוואס אשר זעליג האט געמוזט ווארטן, ווייל זיין שידוך האט געדארפט אנקומען קיין ארץ ישראל. און אויך אדאנק די אפענע אויגן פון הייליגן צדיק זיע"א


**הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד - צו פארקויפן**

מכתב קודש של הקדושת ציון מבאבוב הי"ד תרפ"ט מלא ברכות ה' $12000. חומש עם פירוש שם אפרים ותוצאות חיים טשערנאוויץ תר"א $4000, משנה למלך שהמהרי"ל דיסקין נתן במתנה $3500, מכתב קודש כולו כתב יד של הרה"ק ר' אליעזר פיש אדמו"ר מאטעסאלקע $800, ספר עבודת הגרשוני תנינא דפו"ר $1000, ספר לחם שמנה ראפשיץ דפו"ר $600, ספר כתנות האיפוד דפו"ר $1000, אור ישראל על הזוהר מגיד מקאזניץ דפו"ר $500, ספר מטה אפרים שייך להגאון ר' אברהם פאם $180, ספר טל חיים וברכה ליסקא עם חתימות ר' חיים בנימין גראס ממונקאטש, א תעודה מיט חתימת הרה"צ מטאש זצוק"ל, א בריוו פון הרה"ק ר' מרדכי ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רבי'ס זצוק"ל, א גמרא פון הגאון ר' שלמה היימאן זצ"ל $600, גאנצע תהלים געדרוקט אין זיטאמיר פעלט דעם שער $2000, 5 כרכים משנה ברורה עם עוד ספר מיט מוגה כת"י געקויפט פון חפץ חיים אליין $3000 ספר גבורת ארי מוגה ע"י חפץ חיים $400 שו"ת אור המאיר מיט הקדשה פון הגאון ר' מאיר שפירא מיט פיל לומדישע הגהות $3000 , מעבר יבוק דפוס זיטאמיר $1000, ברית אברהם דפוס ראשון $1500 , ספר היכלות הזהר עם פירוש הגר"א דפו"ר שייך להגאון ר' שמואל העללער $2000, א אלטע זילבערנעם שטעקן פון דער טאלנא רבין פון פילאדעלפיה $2000 רי"ף מיט חתימה ר' ברוך בענדיט ליכטנשטיין אביו של הרה"ק ר' הלל מקאלאמייא $5000, חומש דברים עם אוה"ח דפוס סלאוויטא $2500,

20,000 ספרים און בריוון און דאקומענטן צום פארקויפןדער גליון איז לעי"נ הבחור יוסף שמואל ע"ה ב"ר צבי אלימלך נ"י, און לעי"נ ידיד נפשי המקובל הצדיק ר' מיכאל בן רחמים נימני זצ"ל כ"א תמוז תשע"ז

**If you have good condition older seforim bring them in to us at no charge 4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500**

**T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***